די גאָלדענע קייט

פערטליאָר־שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען

28

אַרויסגעגעבן פון ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ־ישראל
אביב

1957

פנים־אל־פנים

נאַקעטער מאַרש אין דער נאַכט.

אוישוויצער נאַכט.

מען הערט ניט קיין טריט פון די באָרוועס־מאַרשירנדיקע פיס אויף דער ערד. דו ווייסט ניט ווי לאַנג עס איז די קאָלאָנע אין וועלכער דו מאַרשירסט; ווו הייבט זי זיך אָן, און ווו ענדיקט זי זיך. אַרום דיר אָטעמען נאַקעטע מענטשלעכע לייבער אין מאַרש. זעקס אין דער ברייט. זעקס אין דער ברייט —

דער טראַנספּאָרט ווערט געפירט צום „באַדע־אַנשטאַלט" אין אוישוויץ.

איבער דיין קאָפּ ציט זיך אַן אויסגעשיטער הימל מיט שטערן, און אַקעגן איבער דיינע אויגן הייבט זיך דער שפּיץ פון אַ קוימען צום הימל. אַ געדיכטער פעטער רויך שלאָגט פון אים אַרויס. אָן אַ שיעור פונקען. זיי צעשפּרייטן זיך פינקלדיק־צעשפּריצטע איבערן אויסגעשטערנטן הימל, מישן זיך אויס מיט די שטערן, און דו ווייסט ניט וועלכע פון זיי לייכטן מער.

אַ סך נאַקעטע לייבער. אוישוויץ אונטער דיינע באָרוועסע פיס. דער טראַנספּאָרט מאַרשירט אין דער ריכטונג צום קוימען.

נאַכט אַרום דיר. אוישוויץ אַרום דיר. דער טויט האַלט דיין לעבן צווישן זיינע הענט ווי אַ רונדיקער שפּיגל אַקעגן דיינע אויגן. אים, דעם טויט, זעסטו נאָך אַלץ ניט. ער באַהאַלט זיין פּנים הינטערן שפּיגל. בלויז זיין אָטעם בלאָזט אויף דיר ווי ווינט אויף אַ פונק אין אַש —

כדי בעסער צו זען ווי ער לעשט זיך אויס.

פון ביידע זייטן גייען ס.ס.־מענער, שוואַרצע שווייגנדיקע שאָטנס, געהילטע אין נאַכט ווי אין צעפלאַטערטע שוואַרצע פעלערינעס. דו קאָנסט דיר מער ניט אויסווילן דיין טויט. דו ביסט שוין געוואָרן איבערגעגעבן. דיין האַר, דער טויט, פירט דיך שוין צו זיך. צו זיך.

דו פילסט זיין ריח גייענדיק הינטער דער פעלערינע פון זיין לאַנגן קלייד. דו קאָנסט דיך מער ניט אויסטוישן. ער קאָן שוין דיין לייב. ער האָט דיך געזען. דו גייסט צו אים אַ נאַקעטער.

דו קאָנסט מער ניט אויסקלייבן דיין טויט. דאָ איז אוישוויץ. דו גייסט שוין אין די קאָרידאָרן פון דיין טויט. באַלד וועסטו אַריינקומען אינעווייניק, און דו וועסט אים זען פּנים־אל־פּנים. אים, דיין אַלמעכטיקן האַר, דעם אוישוויצער טויט!

ס'איז שטיל. דאָ דערוועגט זיך קיינער ניט אַרויסצוברענגען אַ וואָרט. ניטאָ מער קיין שפּראַך. פונקען שפּריצן פון קוימען. דו דריקסט דאָס שטיקל זייף אין דער פויסט פון דיין האַנט. אָן אַ שיעור פיס. נאַקעטע פיס. דו הערסט ניט זייער טריט. די נאַכט פירט דיך צו זיך. שטערן לעשן זיך איבער דיין קאָפּ. דו פאַרמאָגסט מער גאָרנישט.

אַפילו די האָר פון דיין קאָפּ האָט מען אויך פריִער פון דיר צוגענומען. זיי, די האָר, האָבן נאָך אַ ווערט. דו ביסט נאַקעט. דו פאַרמאָגסט מער גאָרנישט. בלויז אַ פּונק טראָגסטו נאָך אינעווייניק אין דיר. דער טויט האָט אים געקויפט. ער געהערט צו אים. באַלד וועט ער אַרויסשפּריצן פון אָט דעם קוימען.

אוישוויץ.

וואָס פאַר אַ מין פאַבריק האָט דער טויט דאָ פאַרלייגט? וואָס פאַר אַ נוצן ברענגען אים די אַרויסגעשפּריצטע פּונקען פון קוימען?

*

אינעווייניק —

אַ נעץ פון רערן איבער דיין קאָפּ. פון די רערן הענגען אַראָפּ דושן. שורות־שורות דושן. און אין די דושן — לעכעלעך.

פון ערגעץ, צווישן די דושן, רינט אַראָפּ אַ זשאַווערנע געדיכטע ליכט. זי באַלייכט די דערוואַרטונג.

דער טויער שטייט אַ געעפנטער צו דער נאַכט. זיי שטראָמען נאָך אַלץ אַריין אָן אויפהער: נאַקעטע לייבער. נאָך און נאָך. מענטשן. אַלע די זעלביקע צורה. נאָך און נאָך. וואָס אַ מאָל ווערט ענגער. נאַקעטע, קאַלטע לייבער אַרום דיר. נאַקעטע לייבער רירן אָן דיין לייב. ביי יעדן באַריר טוט דיין לייב אַ שוידער. דו פילסט אַ ציטער איבער דער הויט פון דיין לייב. און דו פילסט אַ צופרידנקייט אין דעם ציטער. דער שוידער וועקט אין דיר אַ געפיל פון לעבן. דו האָסט נאָך אַ לייב. דיין לייב. ווי דו וואָלסט עס פלוצלונג צוריקגעפונען. דו האָסט נאָך קיין מאָל ניט אַזוי ליב געהאַט דיין לייב. און דו פילסט — דער פחד שאַרפט דערויף בלאַנקע מעסערשאַרפן: באַלד וועט עס זיך ראַנגלען מיט אַ טויט וואָס דו ווייסט ניט ווי ער קוקט אויס. באַלד וועט ער קומען. באַלד וועסטו אים זען פנים־אל־פנים. ער זיצט אויבן אין די לעכעלעך פון די דושן. באַלד וועסטו אים זען.

אַלע אויגן קוקן צו די לעכעלעך פון די דושן וואָס איבער זייערע קעפּ.

די טירן פון „באָדע־אַנשטאַלט" ווערן אָפּגעשלאָסן. ניטאָ מער אַפילו די נאַכט.

נאַקעטע לייבער אַרום דיין לייב. זיי ציטערן, אַזוי ווי עס ציטערט דיין לייב. דער שוידער גייט פון עק ביז עק ווי אַ ווינט איבער זאַנגען אין פעלד. ברייט און ווייט. דו זעסט ניט די עקן. אָבער דו פילסט דעם שוידער פון אַלע לייבער אויף דיין אייגענעם לייב. אָפּגעשלאָסן די טירן. ניטאָ אַפילו די נאַכט. בלויז לייבער. אַלע לייבער זענען איצט דיין לייב. פּונקט ווי דער טויט פון יעדן לייב באַזונדער איז איצט — דיין טויט.

פלוצלונג ווערן אַלע לייבער פאַרשטיינט. אַלץ ווערט אָנגעגאָסן מיטן פריר פון פאַרגליווערטקייט. פאַרשטיינט.

העלדזער.

דו זעסט מער ניט קיין קאָפּ. און דו זעסט מער ניט קיין פנים. בלויז — העלדזער. אויסגעשטרעקטע העלדזער. אַ פלאַכלאַנד פון העלדזער. העלדזער אָן קעפּ.

קודם — אַ לייב; איבערן לייב — שולטערן; איבער די שולטערן — אַ האַלדז. און אויבן, איבערן האַלדז — לעכעלעך. טונקעלע לעכעלעך.

לעכעלעך פון די דושן אין אוישוויצער „באָדע־אַנשטאַלט".

אַ זשאַווערדיק־געדיכטע ליכט שטייט צווישן די העלדזער און די דוש־לעכעלעך. דער טויט שוועבט אין אָט דער לופט, איידער ער לאָזט זיך אַראָפּ.

העלדזער ווי אויסגעפּלאַסטערטע שטיינער. דער טויט שפּאַנט איבער זיי ווי אויף שטיינער פון אַ ליידיקער גאַס. ער איז איצט דאָ איינער אַליין. בלויז מיט זיך. דאָ ווינט ער. דאָ אַנטהילט ער זיך פון זיינע וואַלן. ער אַנטפּלעקט דאָ זיין פּנים; דאָ — אינעם פאַרמאַכטן „באַדע־אַנשטאַלט”; דאָ — אינעם קדשי־קדשים פון אוישוויצער טעמפּל.

דו זעסט אים.

קעפּ, איבערגעוואָרפענע צום נאַקן, ווי עופות־קעפּ אין דער האַנט פון שוחט. געעפנטע מיילער. אויסגעשטרעקטע העלדזער. אַרויף צום חלף.

דו זעסט זיין פּנים.

דאָס פּנים פון טויט.

די העלדזער אָטעמען ניט.

פלוצלונג —

אַ ווייס פּאַרעלע. לייכט־לייכט. עס וויקלט זיך. עס בייגט זיך. פּיעשטשענדיק־זיך איבער די דוש־לעכעלעך, גראַציעז, ווי אויף אַ פּאַרקעט. און פאַרשווינדט.

די העלדזער אָטעמען ניט.

באַלד דערנאָך שווימען אַרויס און בלייבן הענגען איבער די לעכעלעך — טראָפּנס. איינצלנע טראָפּנס. פולע. אַראָפּהענגענדיקע. זיי פאַלן ניט אַראָפּ. בלייבן שטיין אין דרויסן, פאַר די אויגן, ווי פּאָרלויפער ביי מלכותדיקע געעפנטע טירן; פאַנפאַרן פאַרן אָנקום פון אַ פאָרכטיקן מאַיעסטעט.

די העלדזער אָטעמען ניט. פאַרשטיינט.

פלוצלונג:

דינע הייסע שנירעלעך, געוויקלטע אין רויך ווי עלעקטרישע דראָטן אין ווייסער איזאָלאַציע; הייסע בייטשן. אָנגעגליטע בייטשן. נאָך אַ רגע רייסן זיי זיך איבער אין דער לופט. פאַרשווינדן.

ווידער ליידיקע, טונקעלע, געהיימעניספולע לעכעלעך. לעכעלעך אין אוישוויצער „באַדע־אַנשטאַלט”.

פלוצלונג —

דינע קאַלטע שנירעלעך. קאַלטע בייטשן. פּראָסטיק־גליִענדיקע בייטשן. נאָך אַ רגע: רייסן זיך איבער אין דער לופט. פאַרשווונדן.

ליידיקע, טונקעלע, געהיימעניספולע לעכעלעך. דוש־לעכעלעך אין אוישוויצער „באַדע־אַנשטאַלט”.

ווידער אַ מאָל,

און ווידער אַ מאָל,

און ווידער אַ מאָל.

פלוצלונג אַ יאָמערלעכער אויסגעשריי:

— וואַסער!!! מענטשן, וואַסער!!!

קעפּ מיט אויגן; קעפּ מיט מיילער. די העלדזער באַקומען פלוצלונג צוריק קעפּ — קעפּ מיט אויגן; קעפּ מיט מיילער. די קעפּ דרייען זיך אום איינער צום אַנדערן. אויגן קוקן צו אויגן. מיילער רייסן זיך אויף צוזאַמען. אַלע אויף אַ מאָל.

— וואַסער!..

— וואַסער!..

— וואַסער!..

לייבער שפּרינגען מיט אַ יאָמערלעכן געהויל צו דער הייך. רייסן די אָפּגעגאָלטע שאַרבנס ווי האָר פון זייערע קעפּ. און באַגאָסענע מיט טרערן הוילן זיי אויס די שימחה מיט אַ יאָמערלעכן געוויין:

— וואַ—ס—ער!!!

ביי די ווענט קנייפּן זיך איין פינגער אין אייגענע לייבער; גראַטשען גאָלע ווענט און שרייען ווי מטורפים: וואַסער!!!

ווי קאָרקן וואָלטן פלוצלונג אַרויסגעשאָסן, אויף אַ מאָל, פון זייערע פאַרשטאָפּטע העלדזער. זיי שרייען מיט אויסגעקרימטע, וויינענדיקע מיילער; מיט פריילעך־משוגענע הענט, אַלע אויף אַ מאָל:

— וו—אַ—ס—ע—ר!!!

איינער, וואָס איז שטענדיק דער קלוגער, שרייט צו אַלע:

— שאַ! שאַ! אַוודאי וואַסער! איר זעט דאָך, וואַסער! — נאָר קיינער הערט אים ניט. די מיילער וויינען צו אים צוריק מיט מטורפדיקן געשריי: וו—אַ—ס—ע—ר!!! ביז די טירערן עפענען זיך.

*

אין דרויסן קוילערט זיך די נאַכט פון געלעכטער. זי שוימט מיט געעפנטע פינצ־טערע מיילער פון ס.ס.־מענער, און וויקלט זיך מיט זיי אין צעכוואַליעטן געלעכטער. יענע שטייען און קוקן ווי צושויער פון דער טונקלקייט צו דער קאָמעדיע אויפן באַלויכטענעם עקראַן. און זיי קאַטשען זיך פון געלעכטער.

די נאַקעטע לייבער שטראָמען אַרויס, ווי אַרויסגעוואָרפענע צו אַ פרייען ברעג. אַקעגן איבער שפּריצן פונקען פון קוימען צום אויסגעשטערנטן הימל. זיי קוקן צו די לאַכנדיקע מיילער, קוקן און קאָנען ניט פאַרשטיין —

זיי ווייסן ניט, אַז גליקלעכע זענען געווען יענע, וואָס ביי זיי האָט פון די דוש־לעכעלעך, אַנשטאָט וואַסער, זיך אַרויפגעהויבן דער אויסגערונענער בלויער גאַז פון די אַריינגעוואָרפענע ציקלאָן־פּושקעס —

זיי ווייסן ניט, אַז גליקלעכע זענען געווען יענע, וואָס אויף דער שוועל פון אוישוויץ זענען באַלד זייערע לעבנס פון זיי אַרויסגעפלויגן ווי אָט די פונקען פון קוימען —

וואַסער!

זיי לעבן —

און זיי מאַרשירן גליק־שיכּורע צו די בלאָקן אין דעם לאַגער וואָס רופט זיך: אוישוויץ.